# בלק ג

א. בשייכות צום סיפור אינעם סיום פון אונזער סדרה[1] — „והנה איש מבני ישראל בא ויקרב אל אחיו את המדינית לעיני משה גו'" — דערציילן חז"ל[2], אז זמרי בן סלוא האָט די „מדינית" (כזבי בת צור) געבראַכט פאַר משה רבינו און גע'טענה'ט: „זו אסורה או מותרת, ואם תאמר אסורה, בת יתרו מי התירה לך. נתעלמה ממנו (פון משה) הלכה", ביז אַז פינחס „ראה מעשה ונזכר הלכה כו' הבועל את כותית[3] קנאין פוגעין בו".

פאַרוואָס איז טאַקע „בת יתרו" געווען מותרת צו משה רבינו? — איז רש"י[4] מסביר: „משה קודם מתן תורה נשא וכשניתנה תורה כולן בני נח היו ונכנסו לכלל מצות והיא עמהם כו'". ד. ה. משה נשא צפורה ווייל דעמאָלט (פאַר מתן תורה) זיינען אַלע (אויך די בנ"י) געווען אין גדר פון בני נח; און דערנאָך (ביי מ"ת) האָט זיך אויך צפורה מגייר[5] געווען צוזאַמען מיט אַלע אידן, און דערפאַר איז זי אויך דערנאָך מותרת צו משה'ן.

איז ניט מובן: זמרי איז דאָך געווען „נשיא בית אב לשמעוני"[6], היינט וואָס איז מלכתחילה געווען זיין טענה „ואם תאמר אסורה, בת יתרו מי התירה לך" — צי דען האָט ער ניט געוואוסט דעם חילוק הכי פשוט צווישן נשואין פון פאַר מ"ת און נאָך מ"ת?!

ולאידך גיסא: אויב אפילו מ'זאָל געפינען עפּעס אַ הסברה (לכה"פ אַלס אַ קס"ד) פאַרוואָס דער חילוק הנ"ל איז ניט קיין טעם מספיק צו מתיר מאַכן „בת יתרו" צו משה — איז נאָך אַלס שווער, פאַרוואָס מ'געפינט ניט אין גמרא אַז משה (אָדער אימיצער אַנדערש) זאָל ענטפערן אויף דער טענה פון זמרי

1) כה, ו.

2) סנהדרין פב, א. תנחומא פרשתנו כ־כא. במדב"ר פ"כ, כד־כה. תיב"ע ופרש"י עה"פ.

3) בפרשתנו מדובר ע"ד מדינית, במשנה (סנה' שם) הל' ארמית — ואולי יש כאן שינוים ע"י מבקר המלכות. וראה רמב"ם הל' איס"ב רפי"ב ב' גירסות. ובפרש"י סנה' פא, ב: ארמית בת עובד כוכבים.

4) סנהדרין פב, א ד"ה בת יתרו.

כיד רמ"ה סנהדרין שם: „ניתנה תורה ונתחדשה הלכה ולא אסרה תורה אלא מכאן ואילך אבל מי שהי' נשוי ועומד קודם מ"ת לא נאסרה עליו". אבל ברבותינו בעה"ת (בהעלותך יא, כז): כשנתנה תורה כו' פרשו כולם כו'. וראה גליוני הש"ס (להר"י ענגל) סנהדרין שם שקו"ט בדבריו. תו"ש לשמות ב, כא אות קע. וראה הערה הבאה.

5) ביד רמ"ה שם משמע דס"ל דמותרת גם בלי גיור ד„ניתנה תורה ונתחדשה הלכה". וראה ג"כ: ילקוט ראובני ר"פ פינחס: „ויאמר לו ניתנה תורה ונתחדשה הלכה ועוד יאמר אני גיירתי'". יעב"ץ סנהדרין שם: „ולא שייכא גירות כלל אלא שנתנה תורה". גם מלשון רש"י „נכנסו לכלל מצות והיא עמהם וגרים רבים של ערב רב" משמע קצת שאי"ז ענין הגירות כבערב רב (וראה צפע"נ דלקמן הערה 20). ועפ"ז אין מקום לקושיא דלקמן בפנים סעיף ב'.

אבל נוסף ע"ז שגם בנוגע לבני ישראל מפורש שנתגיירו (עיין יבמות מו, א ואילך. כריתות ט, רע"א) — הרי מכיון שהיא „בת יתרו" (ולא מבני אברהם יצחק כו'), ועוד ועיקר — לא הייתה במצרים ששם היתה תחלת הגירות (יבמות וכריתות שם) בודאי הי' צ"ל אצלה גירות. ועד"ז בנוגע לבני' — שמילתם הייתה אך בתור מצוה שנצטווה אברהם, משא"כ במצרים שי"ל שהי' גם התחלת הגירות — עיין יבמות וכריתות שם. ובגליוני הש"ס שם: ודבריו (דהרמ"ה) צע"ג דהא פשיטא דנתגיירה כו'.

6) פינחס כה, יד. ובסנהדרין שם (ועד"ז בפרש"י עה"ת כה, ו (ודלא כבפרש"י בפנחס)): נשיא שבט הוא. ולהעיר מדרז"ל (סנה' שם, ב) שזהו שלומיאל בן צורישדי.

כלפי משה רבינו[7] (פינחס האָט בלויז געזאָגט די הלכה „הבועל ארמית כו'", וואָס איז נוגע צו מעשה זמרי)?

עס זיינען דאָ מפרשים[8] וואָס זאָגן, אַז דאָס גופא (דער חילוק הנ"ל צווישן פאַר און נאָך מ"ת) איז „נתעלמה" פון משה. אָבער נוסף אויף דעם, וואָס (א) רש"י[9] זאָגט בפירוש: „ונתעלמה ממנו הלכה, שנאמר לו בסיני הבועל כותית וכו'", אַז בלויז די הלכה (וואָס פאַר אַן עונש עס קומט) איז „נתעלמה ממנו"; (ב) ס'איז אַ דוחק גדול צו זאָגן אַז עס זאָל נתעלם ווערן פון משה אַזאַ פשוט'ער חילוק כנ"ל[10] — איז אויך ניט מובן: ווי האָט זמרי געפרעגט אַזאַ שאלה? האָט ער זיך דען געקענט פאַרלאָזן אַז פון משה'ן וועט נתעלם ווערן דער חילוק צווישן פאַר און נאָך מ"ת?

**ב. אויך דאַרף מען פאַרשטיין:**

דער[11] דין איז, אַז אַ גיורת איז אסורה לכהן; און דאָס איז אַן איסור מן התורה. הגם די גמרא[12] לערנט עס אָפּ פון אַ פסוק אין יחזקאל[13] — איז דאָס נאָר וואָס „אתא יחזקאל ואסמכה אקראי"[14], אָבער דאָס איז אַן איסור מן התורה ממש"נ „אשה[15] זונה גו' לא יקחו"[16] — „לפי שבאה מן העכו"ם השטופים בזימה"[14].

אין דער גמרא[17] איז דאָ אַ פלוגתא וועגן משה רבינו: לויט איין דיעה איז „משה רבינו כהן גדול"[18] (ווייל „לא פסקה כהונה אלא מזרעו של משה"[17]), אַ צווייטע דיעה האַלט, אַז „לא נתכהן משה אלא שבעת ימי המלואים בלבד"[19] — איז קשה: ווי אַזוי איז „בת יתרו"[20] געוועזן מותרת צו אים — זי איז דאָך געוועזן אַ גיורת[21]?

---

7) ראה גם ילקוט ראובני שם.

8) ראה עיון יעקב לע"י סנהדרין שם, א.

9) סנהדרין שם. יד רמ"ה שם. וראה ילקוט ראובני ויעב"ץ הנ"ל.

10) ואם כדי שיבוא פינחס ויטול את הראוי לו (תנחומא, במדב"ר ופרש"י שבהערה 2) — העלמת ההלכה דקנאין פוגעין מספיקה.

11) בהבא לקמן ראה אנציקלופדי' תלמודית ע' גיורת, וש"נ.

12) קידושין עח, סע"א.

13) מד, כב.

14) תוד"ה אין יבמות סא, א.

15) אמור כא, ז.

16) רמב"ם הל' איסורי ביאה פי"ח ה"ג (ראה מ"מ שם). תוספות שם. ועוד (נסמנו באנציקלופדי' שם).

וגם להראב"ד (הל' איסו"ב שם) ד„אינה משום זונה אלא משום דכתיב כו'" (הקרא דיחזקאל), הוא איסור מן התורה — כמ"ש להדיא (שם פט"ז ה"ב). וראה חידושי הרשב"א יבמות ס, ב.

17) זבחים קב, א. והובאו בכ"מ במדרז"ל.

18) רב — שם קא, ב.

19) וגם למ"ד „אני אמרתי אתה כהן כו' עכשיו כו' ואתה לוי" — „פסיקא לי' דכהן הי' מדעבד עבודה בשבעת ימה"מ .. ונפסקה לו כהונה אלא שניטלה ממנו בחרון אף" (חדא"ג שם).

20) אבל אם לא היתה „בת יתרו" — אף שבמ"ת נתגיירו כל ישראל (כדלעיל בתחילת השיחה והערה 5) — עכצ"ל שגירות זו אינה אסורה לכהן ואהרן ואלעזר ואיתמר בניו יוכיחו והטעם מובן כי בבני אברהם כו' לא שייך הטעם „שבאה מן העכו"ם השטופים בזימה".

גם י"ל עפמ"ש בצפע"נ לסנהדרין שם ד„לאחר מ"ת נעשו יהודים למפרע", עיי"ש. וע"פ המבואר בצפע"נ שם „דמדין כיון דהם ג"כ מזרע אברהם לאחר המילה, ואמם נתגיירה אז אם יתגיירו הוה ישראל למפרע, וזה צפורה כו'" — מתורצת הקושיא שבפנים. וראה לקמן הערה 28.

ולהוסיף: עפמשנ"ת בלקו"ש ח"ח (ע' 165 הערה 29) שלשיטת רש"י בפירושו עה"ת הי' יתרו „אבי אמו" (ממש) דפינחס — היינו דגם אשת אלעזר הכהן היתה „בת יתרו" — השקו"ט שבפנים השיחה היא גם בנוגע לאלעזר הכהן.

21) בפרש"י יבמות (סא, סע"א) דגיורת פסולה כי „ביאת עכו"ם כו' פסלה", ועד"ז מפרש שם (ע"ב) ד"ה אלא גיורת („דנבעלה בנכריותה כו'"). והובא בב"ש לשו"ע אה"ע ס"ו סק"כ.

— אבל דעת הפוסקים דאסורה גם כשלא נבעלה

לויטן מ״ד אַז „לא נתכהן משה אלא שבעת ימי המלואים בלבד״, וואָלט מען נאָך געקענט ענטפערן [22] (עכ״פ בדוחק), אַז משה איז אויך דאַן ניט געווען קיין כהן גמור; און דאָס וואָס ער האָט געמעגט מקריב זיין דעמאָלט די קרבנות, איז עס דערפאַר ווייל — ווי תוספות [23] איז מסביר — אין די שבעת ימי המלואים האָט דער משכן געהאַט א דין במה [און דערפאַר „שימש משה שבעת ימי המלואים בחלוק לבן״ [24] — ניט מיט די בגדי כהונה — ווייל „אין בגדי כהונה בבמה״] — און דערפאַר איז אויך „בת יתרו״ (אַ גיורת) ניט געווען אסור צו אים.

אָבער — לבד זאת, וואָס פון לשון הגמרא „לא נתכהן משה כו״ איז משמע, אַז בשבעת ימי המלואים איז ער געווען אַ כהן גמור [25] — בלייבט דאָך שווער לויטן מ״ד אַז משה „כל [26] ימיו כהן הי׳״ [27].

ג. לכאורה וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז די צוויי שאלות הנ״ל (סעיף א׳ וב׳) ווערן פאַרענטפערט אחת בחברתה:

מיט דער טענה „בת יתרו מי התירה לך״ האָט זמרי טאַקע געמיינט (ניט דעם איסור חיתון מיט אַן „ארמית״, נאָר) דעם איסור גיורת לכהן [27*]; און די שייכות צווישן דעם איסור מיט דעם וואָס אַ „מדינית״ איז אסורה („אם תאמר (זו) אסורה בת יתרו כו״) איז אין דעם, וואָס דער טעם האיסור פון גיורת לכהן איז (כנ״ל) „לפי שבאה מן העכו״ם (ארמים) השטופים בזימה״. ד. ה. אויב די „מדינית״ איז אסורה ווייל זי איז אַן „ארמית״ — פאַרוואָס־זשע איז „בת יתרו״, „שבאה מן העכו״ם (ארמים) וכו׳״ מותרת צו משה (אַ כהן)?

אָבער לפ״ז בלייבט שווער (כנ״ל סעיף א׳) לאידך גיסא: (א) וואָס איז טאַקע די תשובה אויף דער טענה? און (ב) פאַרוואָס האָט מען דעם ענטפער ניט געזאָגט צו זמרי׳ן [28]?

ד. לכאורה וואָלט מען געקענט פאַרענטפערן [29] מיט דעם וואָס חז״ל [30]

---

(ראה ב״ש שם. אנציקלופדי׳ שם, וש״נ). וראה מנ״ח (מצוה רסו) שתמה על דעת רש״י, עיי״ש. ובחכמת שלמה (לשו״ע אה״ע שם) מאריך דגם לרש״י אסורה גם אם לא נבעלה, עיי״ש.

22) גם יש לתרץ (למ״ד זה) — כי הציווי(ים) דפ׳ אמור („אשה זונה גו׳ לא יקחו״) נאמר(ו) לאחרי ז׳ ימי המילואים. ובגיטין (ס, סע״א): „ח׳ פרשיות נאמרו ביום שהוקם בו המשכן כו׳ פרשת כהנים („אמור אל הכהנים כו״ — פרש״י שם) כו״. ולהעיר מתו״כ לשמיני (י, ד) „מיכן אמרו אין מטמאין למתים כו״.

23) ע״ז לד, א ד״ה במה.

24) ע״ז שם. וש״נ.

25) להעיר ממשנ״ת (לקו״ש ח״ו ע׳ 175 שוה״ג הב׳ להערה 28), שי״ל שכהונת משה היתה רק החוצר דכהונה, ולא הענין ד„לקדשו לכהנו לי״ — שירות דכהונה (מכיון ששימש בחלוק לבן), עיי״ש. — אבל ג״ז די לאסור עליו גיורת משום „אשה זונה גו״, שהרי גרושה כו׳ אסורה גם לכהן בע״מ שאין בו שירות דכהונה.

26) לשון רש״י זבחים קב, א ד״ה ויש אומרים.

27) לכאורה אפשר לתרץ ע״ד תי׳ הש״ס (זבחים שם) דמשה זר הוא לענין נגעים כי „שאני מראות נגעים דאהרן ובניו כתובין בפרשה״, והרי גם בר״פ אמור (אצל הציווי „אשה זונה גו״) נאמר „אמור אל הכהנים בני אהרן״.

אבל — יש לחלק. כי דיוק הש״ס „אהרן ובניו כתובין בפרשה״ הוא משום שהכתוב (תזריע יג, ב) מקדים „אהרן הכהן״ ורק אח״כ כתיב „או אל אחד מבניו הכהנים״. משא״כ בנדו״ד שנאמר „הכהנים (ואח״כ) בני אהרן״, י״ל שהכוונה לענין הכהונה ולא שצ״ל „בני אהרן״ דוקא.

27*) ראה גם ראש דוד (להחיד״א) פ׳ פינחס.

28) ראה לעיל הערה 20 מה שי״ל ע״פ המבואר בצפע״נ שגם מדין „אם נתגיירו הוה ישראל למפרע״. ועפ״ז י״ל שזמרי לא ס״ל כן (לענין מדינית) ולכן טען „בת יתרו מי התירה לך״ מצד איסור גיורת לכהן. ומשה לא השיב, כמבואר לקמן בפנים (סעיף ו׳) דלא נאמן בשעת מעשה, עיי״ש.

29) ראה גם ערוך לנר סנהדרין שם.

30) שבת פז, א. יבמות סב, רע״א.

זאָגן: „ג׳ דברים עשה משה מדעתו והסכים הקב״ה עמו״, וואָס איינער פון זיי איז דאָס וואָס „פירש מן האשה״. ובמילא איז שוין ניטאָ קיין טענה „בת יתרו מי התירה לך״ (מצד דעם איסור גיורת לכהן), ווייל משה האָט זיך פורש געווען מאשתו.

און כאָטש פרישה אליין איז לכאורה ניט גענוג אָראָפּצונעמען דעם איסור גיורת לכהן — זאָגט דאָך אָבער רש״י בפירושו על התורה אויפן פסוק (אין ס״פ בהעלותך [31]) „ותדבר מרים גו׳ על אודות האשה גו׳ כי אשה כשית לקח״ — „על אודות האשה, על אודות גירושי׳; כי אשה כשית לקח, ועתה גירשה״, ד. ה. רש״י לערנט אַז ס׳איז ניט נאָר וואָס „פירש מן האשה״ (ווי רש״י ברענגט עס דאָרט[32] אַראָפּ), פרישה בעלמא[33], נאָר ס׳איז געווען — גירושין[34].

פונדעסטוועגן האָט מען דאָס ניט געענטפערט זמרי׳ן ווען ער האָט געפרעגט „בת יתרו מי התירה לך״ — ווייל, ווי מבואר אין דברי חז״ל [35], האָט קיינער פון דעם ניט געוואוסט, ביז אַז אויך מרים האָט זיך דערפון דער־וואוסט ערשט ווען „אלדד ומידד מתנבאים במחנה״ [36] און צפורה האָט געזאָגט „אוי לנשותיהן של אלו כו׳״ [37];

וואָרום וויבאַלד משה האָט עס געטאָן „מדעתו״, האָט ער, זייענדיק אַן „עניו מאד״ [38], ניט געוואָלט מ׳זאָל דערפון וויסן — און מהאי טעמא האָט ער [39] אויך ניט געוואָלט ענטפערן זמרי׳ן אַז „פירש מן האשה״.

אָבער דער ביאור איז ניט אויס־געהאַלטן [29], ווייל

[נוסף אויף דעם, וואָס רש״י [40] לערנט (לויטן ספרי [40]) אַז משה האָט זיך פורש געווען מן האשה (ניט „מדעתו״, נאָר) ווייל „אמרתי לו לפרוש מן האשה .. ואתה פה עמוד עמדי״ [41], און עס איז דאָך ניט היפך הענייות צו דערציילן אַז ער האָט מקיים געווען אַ ציווי ה׳ [42] — איז]

די סיבה פון פרישת משה מן האשה זאָגט מען אַז עס איז דערפאַר וואָס ער

---

31) יב, א.

32) ד״ה ותדבר מרים ואהרן.

33) דלא כמ״ש הרא״ם שם, ד„גרושי׳״ היינו „הפרשתה שפירש בעלה ממנה״. וראה לעיל ע׳ 145 שוה״ג להערה 41.

34) ראה גם תוד״ה דכתיב יבמות שם: „או נתן לה גט״. ובמכילתא עה״פ (יתרו יח, ב) „אחר שלוחי׳״ — „שנפטרה ממנו בגט״. וראה ריב״א עה״ת יתרו יט, טו.

35) ספרי בהעלותך שם * (הובא בתוס׳ יבמות שם. שבת שם ד״ה ואתה (בשם „מדרש״)). פרש״י שם. תנחומא צו יג.

ומלשון התנחומא (שבהערה 2) „אותה שחחתיך״ מוכח שעד אז (שנת הארבעים) לא ידעו כל ישראל שגירשה. אבל י״ל שלדעת התנחומא לא גירשה רק „פירש״ ממנה.

*) בכמה דפוסי ספרי הובא רק הטעם „שראתה את צפורה שאינה מתקשטת כו׳״ אבל גם לטעם זה רק אז נתוודע שפירש כו׳

36) בהעלותך יא, כז.

37) בתוס׳ שבת שם כ׳ „דודאי ידעו אבל היו סבורין שפירש ע״פ הדיבור עד שאמרה להם צפורה שמדעתו פירש כו׳״. אבל ביבמות שם כתבו „שלא נתגלה להם אלא באותה שעה כדתניא בסיפרי כו׳״.

38) בהעלותך יב, ג.

39) ומכ״ש שמרים ואהרן לא סיפרו שגירשה, שהרי נענשו על שדיברו עליו.

40) בהעלותך שם, ח. ולהעיר מלשון רש״י שם, ד: שיפה עשה משה כו׳.

41) ב׳ הדיעות — אם פירש מדעתו או ע״פ הציווי — הובאו ג״כ באדר״נ פ״ב, ג.

42) ועד״ז לתוס׳ שבת שם, שאהרן ומרים „היו סבורין שפירש ע״פ הדיבור״ — דלמה יעלימו שגירש משה את צפורה ע״פ הדבור ?

אבל גם אם פירש משה מדעתו קשה: למה לא השיב לזמרי שפירש מן האשה שלא יאמרו שעבר על איסור גיורת לכהן (שאי״ז היפך הענוות) ?

איז געווען אַ נביא — ווי רש״י [31] ברענגט אַראָפּ (פון ספרי [31]) אַז צפּורה האָט געזאָגט „אוי לנשותיהן של אלו אם הם נזקקים לנבואה שיהיו פורשין מנשותיהן״ [43] — בעת אַז עפּ״י הנ״ל האָט ער איר געמוזט מגרש זיין מצד דעם איסור גיורת לכהן [44].

ה. דער ביאור אין דעם:

עס שטייט אין משנה [45]: „אירס (אַ כהן הדיוט) את האלמנה ונתמנה להיות כהן גדול יכנוס״. און די גמרא לערנט עס אָפּ פון פסוק [46] „יקח אשה״, אַז וויבאַלד דער „יקח אשה״ (די אירוסין) איז געווען בהיתר, מעג ער לכתחילה ענדיקן די לקיחה און כונס זיין די אלמנה.

איז עס אַ כל שכן וק״ו בנדו״ד, וואו ניט נאָר די אירוסין, נאָר אויך די נישואין זיינען געווען בהיתר [47], אַז אויך נאָכדעם ווי משה איז געוואָרן אַ כהן איז „בת יתרו״ געווען מותרת לו (כאָטש זי איז געווען אַ גיורת).

לכאורה קען מען פרעגן אויף דעם: דאָס וואָס משה האָט חתונה געהאַט מיט צפּורה בהיתר איז דאָך געווען פאַר מתן תורה; און היות אַז אידן האָבן דעמאָלט געהאַט אַ דין פון בני נח און ס'איז דאַן איבערהויפּט ניט געווען דער גדר ה„לקיחה״ פון נאָך מתן תורה [48], מוז מען דאָך זאָגן, אַז נאָך מתן תורה האָט ביי אידן געדאַרפט זיין מחדש קידושין ולקיחה דנשותיהן עפּ״י תורה [49] — איז דאָך הדרא קושיא לדוכתה: ווי האָט משה געמעגט מקדש זיין צפּורה נאָך מתן תורה [50]?

— איז עס ניט קיין קשיא, ווייל [נוסף אויף דעם וואָס די נייע לקיחה איז דאָך זיכער געווען תיכף לאחר מ״ת ובמילא — בנוגע משה איז דאָס געווען איידער ער איז געוואָרן אַ כהן (בימי המלואים, נאָך הקמת המשכן) — איז אפילו אויב מ'וועט אָננעמען, אַז לויט דער דיעה אַז משה „כל ימיו כהן הי׳״ האָט זיין כהונה זיך אָנגעהויבן תיכף ביי מ״ת [51], איז עס אויך ניט קיין קשיא, ווייל]:

אויפן פסוק [52] „וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי״ דרש'נט די גמרא [53]: „שעשה לה מעשה ליקוחין״, וואָס דער פשט אין דעם איז, אַז עמרם האָט איר

---

43) וראה שבת (ועד״ז יבמות) שם: אני שכל שעה ושעה שכינה מדברת עמי כו׳.

44) ובפרט אם פירש רק מצד הציווי „ואתה פה עמוד עמדי״ — היינו, שלולי ציווי זה לא הי׳ פורש מן האשה.

45) יבמות סא, א.

46) אמור כא, יד.

47) ראה תוד״ה אטו יבמות כ, ב: נשאה קודם שנתמנה משמע דלא צריך קרא שיכול לקיימה משום דנשאה בהיתר.

48) ראה רמב״ם ריש הל׳ אישות: קודם מ״ת הי׳ אדם פוגע אשה בשוק כו׳ מכניסה לתוך ביתו כו׳ כיון שנתנה תורה נצטוו ישראל כו׳ יקנה אותה תחלה כו׳.

וגם אלה מבנ״י שקיימו כה״ת עד שלא ניתנה וקידשו נשיהם (וראה פרש״י ויחי מח, ט. ועוד) — מ״מ, מכיון שלא נצטוו ע״ז, אין להם תוקף כמו לאחר מ״ת. וראה לקו״ש ויחי תשמ״ט ס״ג ואילך.

49) כדין גר שנתגייר ואשתו עמו שצריכים חופה וקידושין — דגול מרבבה לשו״ע יו״ד הל׳ גרים בסופן. וראה גליוני הש״ס (דלעיל הערה 4): פשיטא דנתגיירה במ״ת והוצרכה קידושין מחדש.

50) כי להדיעות שלא גירשה רק „פירש״ ממנה, משמע שגם אח״כ היתה אשתו [ולהעיר מלשון הספרי בהעלותך שם: שפירש משה מפרי׳ ורבי׳ כו׳ שאינה מתקשטת כו׳] וא״כ קידשה לאחר מ״ת — אף שנאמר לו „ואתה פה עמוד עמדי״. ודוחק. וע״פ המבואר לקמן בפנים מתורץ בפשטות.

וגם לדעת רש״י ש„גירשה״ — הרי זמרי לא ידע מזה (כנ״ל בפנים), ולכן טען „בת יתרו מי התירה לך״, כדלקמן בפנים סעיף ו׳.

51) ראה לקו״ש ח״ו ע׳ 175 והערה 28 שם.

52) שמות ב, א.

53) סוטה יב, א. ב״ב קכ, א.

מקדש געווען מיט ליקוחין פון נאָך מתן תורה.

[דערמיט זיינען מפרשים[54] מסביר וואָס דער רמב״ם[55] זאָגט „ובמצרים נצטוה עמרם במצות יתירות״ — וואָס לכאורה איז עס ניט מובן[56]: וואו געפינט מען אַז „נצטוה עמרם במצות יתירות״? — נאָר דאָס איז די מצוה פון קידושין, וואָס איז שוין געווען אין מצרים[57]].

און וויבאַלד אַז אויך פאַר מ״ת זיינען די קדושי אשה געווען ביי אידן אין אַן אופן פון לקיחה פון נאָך מ״ת, האָט ביי זיי ניט געדאַרפט זיין נייע קידושין נאָך מתן תורה — די פריערדיקע קידושין זיינען געבליבן בתקפן אויך נאָך מ״ת[58].

און לפי״ז איז מובן, אַז דער „יקח אשה״ פון משה רבינו איז געווען בהיתר, וויבאַלד עס איז געווען פאַר מ״ת, און ער האָט צפורה׳ן ניט געדאַרפט נאָכאַמאָל מקדש זיין נאָך מתן תורה.

ו. דערמיט קען מען מסביר זיין: (א) וואָס ס׳איז געווען די טענה פון זמרי „בת יתרו מי התירה לך״, און (ב) פאַר־וואָס משה האָט אים גאָרניט געענט־פערט אויף זיין טענה:

זמרי האָט ניט געהאַלטן פון דער ילפותא (פון תורה שבעל פה) פון „יקח אשה״ הנ״ל, און לשיטתו האָט משה געמוזט מגרש זיין „בת יתרו״.

משה האָט ניט געקענט ענטפערן מיטן לימוד פון „יקח אשה״[59] — ווייל[60] דער דין[61] איז, אַז אַ ת״ח וואָס איז „מורה הלכה״ און איז אַ „נוגע בדבר״, איז ער ניט באַגלויבט בשעת מעשה צו זאָגן „כך קבלתי״ — און משה איז דאָך געווען אַ נוגע בדבר — „בת יתרו מי התירה לך״[62].

[ע״ד ווי מיר זעען עס ביי מחלוקת קרח, וואָס צוזאַמען מיט זיין קריגן אויף כהונת אהרן איז ער אויך געקומען[63] מיט פאַלשע טענות און שאלות וועגן מזוזה — „בית שהוא מלא ספרים מהו

---

54) צפע״נ עה״ת שמות שם. מהר״ץ חיות סוטה שם.

55) הל׳ מלכים פ״ט סה״א.

56) כקושיית הכס״מ ורדב״ז שם.

57) ועפ״ז לשון הרמב״ם (נעתק לעיל הערה 48) „כיון שנתנה תורה נצטוו ישראל כו״ — לאו דוקא.

58) ובזה מתורץ מש״נ (ואתחנן ה, כז) תיכף לאחר מ״ת „שובו לכם לאהליכם״, דמזה שנק׳ „אהליכם״ גם קודם „שובו גו״, מוכח, שלא היו צריכים קידושין מחדש לאחרי מ״ת. וראה תו״ש דלעיל הערה 4.

59) אלא שצע״ק לדעת רש״י ש„גירשה״ — למה לא השיב לו כן, כנ״ל ס״ד והערה 42 [כי אף שלא הוצרך לגרשה מטעם זה — מ״מ, מכיון שגירשה אין מקום מעיקרא להטענה „בת יתרו כו״]?

60) ראה גם לקו״ש חי״ג ע׳ 97 ובהערות שם.

61) רמ״א יו״ד סו״ס רמב. יבמות עז, א (וש״נ). תוד״ה אם שם. נמוק״י שם.

62) ומה שלא השיב אף א׳ מבנ״י לזמרי הלימוד ד„יקח אשה״, וכפסק הלכה דאם שמעו ממנו קודם מעשה שומעין לו (רמ״א שם) — אולי י״ל שעדיין לא אמר משה לכל ישראל • הלימוד (דתושבע״פ) מ„יקח אשה״ (מכיון שלא הי׳ נוגע להם), ואהרן ובניו — ה״ה קרובים של משה ואין נאמנים. או י״ל שנתעלמה מהם גם הלכה זו (משא״כ משה, שנתעלמה ממנו רק ההלכה דהבועל ארמית כו׳, כנ״ל בפנים השיחה ס״א). ולהעיר מרמב״ן דברים (א, יח): שלא יהי׳ לכבוד לו שיזכיר לדור הזה כי אשה כושית לקח.

63) ירושלמי סנהדרין פ״י ה״א. תנחומא קרח ב. במדב״ר פי״ח, ג. פרש״י ר״פ קרח (רק „טלית כו״).

---

•) להעיר מלשון פינחס (לענין ההלכה „הבועל ארמית כו״) „לא כך למדתני כו״

שיהא חייב במזוזה" און תכלת — „טלית שכולה תכלת מה שתהא חייבת בציצית" — און מ'געפינט ניט אַז משה זאָל אויף די שאלות ענטפערן מיט אַ לימוד פון תושבע"פ [64] — ער האָט נאָר געזאָגט: „ואם בריאה יברא ה' גו'" [65];

און די הסברה איז כנ"ל: משה איז געווען אַ נוגע בדבר [66], און דערפאַר וואָלט ער סיי ווי ניט געווען באַגלויבט אויף דעם].

ז. די הוראה פון ענין הנ"ל:

ניט אַלעמאָל זוכט מען צו ענטפערן יענעם אויף זיינע שאלות: אַמאָל איז יענער גאָר אויסן מיט זיין שאלה צו מתיר מאַכן אַ מדינית! ווען זיין כוונה איז לשם שמים דאַרף זיין „ענה (אפילו אַ) כסיל כאולתו" [67]. ווען ער פרעגט אָבער אין דברי תורה מיט דער כוונה צו מתיר מאַכן דאָס וואָס תורה אסר'ט — דעמאָלט דאַרף זיין די הנהגה פון „אל תען כסיל כאולתו" [68]: דער וועג צו מנצח זיין אַזאַ מנגד אויף תורה איז ניט דורך שקו"ט, נאָר מיט אַ תוקף וואָס איז למעלה מטעם ודעת.

[און אַזוי אויך ביי יעדערן באַ זיך: ווען דער „מלך זקן וכסיל" [69] — דער יצה"ר — קומט מבלבל זיין, דאַרף מען זיך ניט אַריינלאָזן אין אַ שקו"ט מיט אים, נאָר מ'דאַרף גלייך טאָן מיט תוקף — „משכהו לבית המדרש כו'" [70]].

און דאָס איז אויך געווען די הנהגה פון פינחס — „בקנאו את קנאתי" [71]: ער האָט זיך ניט אַריינגעלאָזט אין אַ שקו"ט: ווייל אדרבה: דער דין [72] איז, אַז „הבא לימלך אין מורין לו" — נאָר ער האָט מקנא געווען קנאת ה' („קנאתי") און זיך מוסר נפש געווען צו הרג'נען זמרי [73].

ח. דער חג הגאולה פון י"ב־י"ג תמוז איז חל (ברוב השנים) אין דער וואָך פון פ' בלק — האָט דער ענין הנ"ל אַ שייכות צו דעם חג הגאולה:

די הנהגה פון דעם רבי'ן, דעם בעל הגאולה והשמחה, איז געווען אין אַן אופן פון „בקנאו את קנאתי": ניט קוקנדיק אויף די טענות פון געוויסע מענשען, אַז ס'איז ניטאָ קיין חיוב זיך צו מוסר נפש זיין על כל צעד ושעל וכו', איז ביים בעל הגאולה והשמחה געווען דער „בקנאו את קנאתי": וויבאַלד עס איז דעם אויבערשטנ'ס אַ זאַך („קנאתי"), האָט ער זיך נאָכאַנאַנד מוסר נפש געווען בפועל אויף הרבצת התורה והיהדות.

די מסירת נפש קען זיין בכמה אופ־נים. ומהם:

א. בפרשתנו — ניט דורכן נשיא הדור — דער נשיא הדור איז געווען משה [74]:

---

64) ורק אמר „חייבת דכתיב גדילים תעשה לך וגו' .. וכתבתם על מזוזות ביתך גו'" (ירוש' שם).

65) קרח טז, ל.

66) שהרי הי' אחי אהרן. ובפרט שמחלוקת קרח היתה גם על משה — ראה בארוכה לקו"ש ח"ח ע' 104 ובהערות שם, וש"נ. ועיי"ש (ע' 106) שהעיקר ופנימיות מחלוקת קרח הי' על משה.

67) משלי כו, ה. וראה שבת ל, ב.

68) משלי שם, ד.

69) קהלת ד, יג. קה"ר שם. זהר ר"פ וישב.

70) סוכה נב, ריש ע"ב. קידושין ל, ב.

71) פינחס כה, יא.

72) סנהדרין פב, א. רמב"ם הל' איסו"ב פי"ב ה"ה. טור אה"ע סט"ז. רמ"א חו"מ סתכ"ה ס"ד.

73) ראה בארוכה לקו"ש ח"ד (ע' 1073), דמסנ"פ דפינחס היא אמיתית ענין המסנ"פ, שלמעלה מכל מדידה והגבלה, מבחי' יחידה. וראה לקמן ע' 319 ואילך.

74) ראה פרש"י חוקת כא, כא: שנשיא הדור כו'.

אין אַן אופן פון גבורה[75] (וואָס דערפאַר געפינט מען אַז פינחס — הוא אליהו[76] — האָט געזאָגט „קנא קנאתי לה' אלקי צבאות גו'"[77] און האָט ניט געפונען אַ זכות אויף אידן[78]).

ב. ווי ביים בעל הגאולה והשמחה: „בקנאו את קנאתי" דער נשיא הדור אַליין,

[ובאמת קען מען זאָגן, אַז אויך ביי פינחס, איז די נתינת כח אויף דעם „קנאו את קנאתי" געקומען פון משה[79] (דער נשיא הדור): דורך זיין זאָגן „קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא"[80] האָט ער געגעבן פינחס דעם כח צו מקנא זיין קנאת ה'];

אין אַן אופן פון חסדים — ווי דערציילט שוין פיל מאָל[81], אַז דער בעל הגאולה והשמחה האָט געבעטן זיין פאַטער, דער רבי נ"ע, אַז זיין נשיאות זאָל זיין בחסד וברחמים, דער אויפטו, אַז אויך אַן ענין פון „קנאו את קנאתי" ווערט דורכגעפירט אין אַן אופן פון „טוב עין הוא יבורך"[82] — בחסד וברחמים[83].

(משיחות י"ג תמוז, וש"פ מטו"מ, תשכ"ט)

---

75) ראה זח"ג רלו, ב ואילך — שייכות דפינחס ליצחק, גבורות.

76) נסמן בלקו"ש ח"ד ע' 1071 הערה 8. ח"ח ע' 170 הערה 59.

77) מ"א יט, י. שם, יד.

78) זח"א צג, א. וראה הנסמן בנצוצי זהר שם.

79) נוסף על פשטות הענין, ששאל קודם אצל משה „לא כך למדתני כו'".

80) סנהדרין שם.

81) לקו"ש ח"ב ע' 502. וראה ספר השיחות תש"ג ע' 12. ועוד.

82) משלי כב, ט. ובנדרים (לח, א) ועוד — דקאי על משה. ובזח"ג (קל, א) דורשו על יוסף — שמו (הראשון) של בעל הגאולה והשמחה (וראה סה"ש תש"ה ע' 61. ועוד).

83) להעיר ממשנ"ת בארוכה (לקו"ש ח"ח ע' 165 ואילך) דקנאות דפינחס היתה מצד החסד והאהבה (שלכן „בא הכתוב ויחסו אחר אהרן" — פרש"י ר"פ פינחס). וראה גם זח"ג רלז, סע"ב ואילך. וי"ל שזה הי' ע"י הנתינת כח ממשה, נשיא הדור, כנ"ל בפנים.